Radomer - Kielcer Leben" 36 (376) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטן.

Radom, dnia 11 Września 1931 r.

ראדאם, פרייטאג, ערב ראש השנה תרצ״ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין מילימעטער שורה: | פארן טעקסט | 40 | גר. |
| " | אין " | 60 | " |
| " | נאכ'ן " | 25 | " |

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "




צערעס,
דער „100%-טיג ריינער קאקאס-
פעטס ווערט אויסגעארבייט
אונטער א שטרענגער השגחה
פון הרב שמחה פרענקעל
פון סקאווינא. צערעס קאן
אלזא אהן שום חשש געברויכט
ווערען צו יום-טוב'דיגע מאכלים
דורך אלע. וועלכע היטען אפ
כשרות.

## צערעס פלאנץ-פעטס.

## בעקאנטמאכונג.

מיר מאכען דערמיט בעקאנט, אז דעם 1 סעפטעמבער ד. י. איז ביי דעם סוחרים-פעראיין אין ראדאם געעפענט געווארן **א באנק** א. ג.

## קרעדיט-קאסע

די באנק ערלעדיגט אלע באנק אפעראציעס פינקטליך און ביליג.

מיר בעטען אלע סוחרים און אינדוסטריעלער באנק צו בעשעפטיגען און מיר פערזיכערען, אז אלע אויפטראג-געבער וועלען פון דער פינקטליכקייט און ערלעדיגונג-ארט זיין העכסט צופרידען.

מיט דרך-ארץ

**די פערוואלטונג פון דער קרעדיט-קאסע**
**פאר סוחרים און אינדוסטריעלער אין ראדאם**

אהרן מערין, מענדיל הורוויץ, יעקב דאבושינסקי.

**Absolwentka**
**Berlińskiego Konserwatorjum**
*M. Ratner-Bankier*
Udziela lekcji gry na fortepianie
**Radom, Piłsudskiego 3**
m. 10 w podwórzu.

**Wszelkie pomiary**
oraz **wykonania planów**
przyjmuje geometra
**Z. Bankier**
**ul. Piłsudskiego 3**
w podwórzu.

Niniejszem podajemy do wiadomości Sz. Rodziców,
że w FREBLÓWCE
mieszczącą się przy ul. **Kilińskiego Nr. 27.**
w OGRODZIE
zajęcia rozpoczną się **dn. 15 WRZEŚNIA 1931 r.**

Z poważaniem *Gluzmanówna*

די הויזווירטעז-באנק אין קעלץ
ווינשט אלע איהרע מיטגלידער, סימפאטיקער
און אלע וואס זענען מיט איהר
אין געשעפטליכע פערבינדונג
**א כתיבה וחתימה טובה.**

די לאנגיעהריגע קעלצער וויין און מעד-פירמע
**נ. דיאמענט, בזשעזשינער 1**
וואס האט צוליב'ן קריזיס שטארקט פערקלענערט די פרייזען פון אלע איהרע ארטיקלען,
ווינשט איהרע פריינד, קליענטען און פאמיליע
א כתיבה וחתימה טובה און א גליקליך יאהר.

דער ערשטקלאס-גער, פאפולער יורישער
**Hotel „Viktorja"**
ווינשט איהרע געסט, פאמיליע און פריינד
**א כתיבה וחתימה טובה.**

## טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ראדאם.

זונטאג מוצא ראש השנה נאר איין פארשטעלונג פון דער בעוויסטער סובריטין
**רעגינא צוקער**
מיט איהר אויסגעצייכענטען אנסאמבל
— אין דער קאמישער אפערעטע —
**איציקעל שייגעץ**
בילעטען פריהער צו בעקומען
ביי ה' צווייגהאפטיק לוב. 9.

יאָהר בלייבט אונז איבער נישט מעהר ווי צו מאַכען א סך-הכל און ווי דער סך - הכל זאָל נישט אויספאַלען, טאָר ער קיין יאוש נישט ברענגען, ווייל אַלץ אויף דער וועלט געהט פערביי און פערשווינדט ווי א שאָטען, גוטס צו שלעכטס, אזוי אַז אויך דאָס שלעכטע איז נישט קיין אייביגקייט.

תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה.

פ. ל.




# פון היימישע אין בוסק.

פאַרט נישט קיין גבירים — זענען מיר ארויסגעפאָהרען אביסעל שפעטער אויף קוראַציע. בעגלייט פון א שטאַרקען רעגען פערלאָזען מיר די דלוגא גאס אין דריי פאַסאזשיר-אויטאָביסען, וועלכע ברויכען אונז פיתרען צו די קוואַ-לען וועלכע ברויכען אויסהיילען אונ-זערע קראַנקע גלידער און צוריקגעבען אונז נארמאלקייט פון קערפער.

און די שפעטע נאכט-שעהען זענען מיר און בוסק. מיר שטייגען אויס ס'חארטען אויף אונז די נומעראָווים וועלכע נעמען צו אונזער באגאזש ווי פון גרויסע גבירים. (פאר וואָס טאקי אזוי וועל איך חייטער איבערגעבען) ס'רויערט נישט לאנג און יעדער ווערט דורכ'ן לייטער פון אונזערע קאלאָניע איינקוואַרטירט צו צוויי פערזאן און א שטוב צו בעזונדערע בעטען, בעקוועמע און שיינע. פריה נאָך ליגענדיג אין די בעטען האָבען מיר שוין געהאָט אין אונזערע שטיבען אלייכט פריהשטיק מיר שלאָפן ווייטער. מיר ווען זיך אויס אָבער די מיטגעקומענע פון דער „עזרה" - פערוואלטונג, דער פרעזעס ה' אדלער איתמר און דער סעקרעטאר, זיי שלאָפען גארנ'שט. צי זענען זיי טאקי נישט מיד און ווען יאָ קאנען זיי זיך אָברוהען? זיי האָבען וויכטיגע איפגאָבען, אסאך פאָרמאַליטעטען איז דא אדורכצופיהרען ובפרט נאך פאר אזא גרויסע צאָהל מענשען.

אין די מיטאג-שעה'ן אויסגעריהטע שטייען מיר אויף, אָבער מ'בעהט אונז צו גיין זיך באָדען.

פערזוכט דעם טעם פון א שוועבעל-באָד. וואסער וואו די קאליר פון דעם איז עהנליך ווי טייה מיט מילך. דער ריח איז אָביסל נישט קיין ריינער. אָבער אבער זאל דאָס זיין צו רפואה. מיר ברויכען עסען מיטאָג.

א שיינער עס-זאַהל ביי קליינע טיש-לעך בעזעצט פון מענשען מיט אביסעלע דיקערע קארגעס. מיט נאך דיקערע בייכער, מיר פערנעמען פלאַץ צווישען זיי ס'קלינגען לעפעל, מעסער און גאָפעל טעלערס, אבער ס'איז אָן ע"ה דאָס אויך אין די טעלער'ס. פאר וואָס דאָ קומט אונז הערען מיר געוואויער, אַז מהאַלט אונז פאר גבירים און דאצו גרויסע און דאס עסען איז נישט קיין געשענקטס, נור די „עזרה" בעצאלט אַז מ'זאל אונז חלילה נישט קיין עולה טוען..

ס'איז פאַרט א קור-אָרט, איז דא עפּעס פערגעניגענס, א שיינער פארק, וואו ס'שפּילט א זעהר שיינע אָרקעסטער. נישט יעדער ווערט דארט אריינגעלאָזט, אבער מיר בעקומען אין זעלבען טאָג ספּעציעלע אזוינערופענע „טעזאן-קאר-טען" און מיר גייען בעוואונדערען דאס שיינע פון בוסק. פראנק און פּריי שפּא-צירען מיר הין און צוריק, מ'בעגעגענט אפילו אָ היימיש פנים, מען מאכט פרי-שע קענטשאַפט, מיר הויבן אָן אויסגליי-כען אונזערע איינגעבויגענע ריקענס. די פערצערטע פון מרה שחורה פנימ'ר ווע-רען אביסעל העלער. מיר זענען דאָך מענשען גלייכע מיט אלע. אמת, מיר זע-נען געפּארען פון אָ הייל - אינסטיטוציע אָבער דאָ ווייסט מען שוין אַז די וואס קימען פון ראדאָמער „עזרה" איז גוט.

וועט אונז אויך נעבען; האָבען זיי פריער וועלען מיר האָבען שפּעטער, פון הונ-גער יועלען מיר נישט שטאַרבען.

די לעצטע טעג קומט ערב ראָש-הש נה, בערעל האט זיך געדרייט ווי א וואָ-רים. ער האָט פאָר קיין פאָל נישט גע-קענט זיך ערגעץ באָרגען עטליכע גיל-דען. חאטש עפּעס אָנצוגרייטען אויף יום טוב. אין דערצו האט נאָך דבורה זיין ווייב, געהאַלטען איהם אין איין יאָרען, פאָר וואָס ער האָט געהאָט אָוועקגעגעבען פופציג גילדען עפּעס אויף אָ צעטעלע אין אזאַ ביטערע צייט — בערעל, אפילו אויפגעלעגט, נאָר אונטער'ן הארץ-גריבעל האָט איהם גע-טאָכעט, וואו קען ער פאָרט כאפּען עפּעס געלד, עס איז דאָך פאָרט יום-טוב אין שטעדטעל, וואָס וועלען זיי עסענז אין דעם גיט זיך די טהיר ראַפּטעם אָ פראָל אויף און דער קאָלעקטאָר אזוי ווי אָ עלעקטריזירטער איז ער אריינ-געפאַלען אין שטוב: „מזל טוב' בעריל! — האָט ער אויסגעשריגען — עס איז אָרויס פאר דיר, דאָס גרויסע געווינס!

בעריל איז געבליבען רוהיג, דאָס נ'ייעס וואָס מען האט איהם אָנגעזאָגט האָט געמאַכט דעם איינדרוק. אזוי ווי ר'האָט זיך אויף דעם געריכט, ר'האָט נאָר געגעבען די האַנד דעם קאָלעק-טאָר און ביידע האָבען זיך „מזל טוב" געווינשען. גאָר אַנדערש איז שוין צו-געגאַנגען מיט די בערליכע דבורה. זי האָט פאר גרויס פרייד אָנגעהויבען צו חלש'ען און, אַז מען האָט זי דערמינ-דערט, און זי איז שוין צו זיך געקו-מען האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געוויין. נאָר דאָס איז געווען פריידען-טרעהרען. פאר נחת, האָט זי געוויינט. ביי בערלען איז געווען א ראש-השנה, הלואי אויף אַלע יודישע קינדער געזאָגט געוואָרען. נאָר די זאַ-טע מענשען, וואָס רעדען זיך איין, אז נאָר זיי קומט דאָס גאַנצע גוט'ס פון די וועלט, אז נאָר זיי זענען בעשאפען געוואָרען צו זיין גליקליך, אַז נאָר זיי דאַרפען דאָס זיין גאָט'ס-קאַסירערס האָ-בען נישט געקענט פערגינען און פער-טראָגען, אַז בערעל זאָל אויך חיסען עפּעס פון אָ גוט לעבען, האָבען זיי זיך כאָטש געטרייסט דערמיט, היות בעריל איז אייביג געווען אָ לוסטיגער דלות, זעהט אויס, אַז ער האָט גע-וויסט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין רייך, דען א גאַנצער נאר איז דאָך א האַלבער נביא. אָבער דאָס האָבען זיי געזאָגט אונטער זיינע אויגען, איהם אין פנים האָבען זיי גע'חנפ'עט און איהם גערופען דער האַלבער נביא. — — —

אָ ביסעל שפּעטער נאָך יום-טוב האָ-בען זיך אַלע דערוויסט, אז בעריל איז שוין גאָרנישט קיין נאָר, דאָס איז גע-ווען דאַן, ווי די עטליכע גבירים אין שטעדטעל זענען איהם געקומען מאָה-נען די חיבות, וואָס זיי האָבען איהם קרעדיטירט נאָכדעם ווען זיי האָבען זיך דערוויסט, אז ער האָט געפּאַקט דאָס גרויסע געווינס, וואס מ'ברויך איהם אויסצאָהלען באָלד נאָך יום-טוב. ערשט איצט זענען זיי געוואָהר געוואָרען, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, נאָר בערעל האָט געמאַכט שטאָם מיט'ן קאָלעקטאָר און אויף דער מערכה בעקומען אָ פּאָר שעהנע הונדערטער אויסגעבאָרגט ביי די וואָס האָבען פון איהם שטענדיג חיזק געמאַכט. יעדער האט איהם גע-באָרגט אויף יום-טוב בישיעות-חן און נאָך זיך געהאָלטען עס פאר א זכיה איינצוקויפּען זיך אין חבר'שאַפט מיט'ן נייעם אויפגעקומענעם גביר. אפילו זיין ווייב דבורה האָט זיך ערשט דערוויסט אַז דאָס געלד אויפ'ן צעטעלע האָט געבאָרגט דער קאָלעקטאָר. ס'איז גע-ווען אָ אָבגעשמוסטע זאַך צווישען ביי-דע צו בעקומען א פעט גמילת-חסד'ל וואָס האָט טאָקע געקלעקט אויף שעהנע פרעהליכע יום-טובים פאר ביידע.

כאפט זיך אמאל אריין א אידישער יונ־גערמאן פון דער ווילע אין וועלכע ס'געפינען זיך געשיקטע פון דער קראנ־קען־קאסע. אין ער אונז מקנא—אהיימי־שע סביבה, עפעס לעבט זיך דא. טרע־פען מיר זיך אין באד פון פרעמדע הערט מ'נור אלץ רעדען „עורה" און מ'איז זיך מתקנא אין אונזער שטאדט. יא זאלען דאס די ראדאמער אידישע גבירים וויסען אויב דער פרעזעס ה' אדלער איתמר פייגיגט זיינאון נעמט זיי צו אפאר גילדען אויף דעם צוועק זאלן זיי נישט בעדויערן, וויל און פערגעל־טיגונג פאר דעם האבען די ראדאמער שטאדט אפירסום אין גאנץ פוילען. דא געפינען זיך מענשען פון אלע פוילישע שטעדט און יעדער דריקט טאקי אויס זיין פערוואונדערונג, אז א שטאדט ווי ראדאם קאן אזא זאך אויפטוען און דאס זעלבע וויסען אויך די ראדאמער וועלכע ווילען צופעליג און בוסק אלס קורגעסט.

ש. ג.

# וועז איך וואלט געווען ר' לוי יצחק בערדיטשאווער!

(א דודעלע).

ווען איך וואלט געווען ר' לוי יצחק בארדיטשעווער, ווען איך טאלט געהאט אין זיך אזוי פיעל דרייסטקייט ווי ער, וואלט איך איצט, ערב דעם באלאנס פונם פעריגאנגענעם יאהר, צום „אלטן" אזוי געזאגט:

וואס ווילסטו פון דיין פאלק ישראל? וואס האסטו זיך אנגעזעט אויף דיין פאלק ישראל?

שטייערען צאהלען — דיין פאלק ישראל, סובסידיעס שניידען — ביי דיין פאלק ישראל, תורות ארויסגעגע־בען — אויף דיין סאלק ישראל!

אוי, טאטע, וויפיעל איז דער שיעור? אמת, א זומער האסטו אונז געגעבען נישט קיין שלעכטען. די וועטערען זע־נען געווען גוטע און דער אוגערקעס־סעזאהן נאך א בעסערער. אוגערקעס זענען, נישט צו פערזינדיגען, בחצי חנם אבער וואס איז די אונטערשטע שורה? אדם ובהמה!

די בהמה איז געקומען פון פעלד, וועט זי אין שטאל עסען אוגערקעס, אבער דאס ווייב איז געקומען פון דא־טשע און חוץ אוגערקעס דארף זי דאך נאך עפעס — א מאנטעל, א קליידעל, א פאר שיכלעך.

אוי, טאטע, פארוואס האסטו וועגען דעם נישט בעטראכט?

אמאל, אז ס'איז נישט געווען קיין פאשע אינ'ם לאנד כנען זענען אונזערע עלטערן געגאנגען אינ'ם לאנד מצרים, אבער היינט, אז אינם לאנד מצרים איז שוין אויך נישטא קיין פאשע...

אוי, טאטע וואו זאלען מיר גיין?

על פי שכל וואלטען מיר בעדארפט גיין צוריק אין לאנד כנען, ווארום אויב נישט האבען קיין פאשע אין לי־גען אין דר'ערד איז דאך שוין גליי־כער ארץ־ישראל ערד...

איז אבער די צרה, וואס צו לי מאר, ס'איז דארט זעהר ענג — פון דעם היי־ליגען לאנד איז גאר געווארען א „ענג" לאנד...

און די ענגלעדער וואס זאגען? זייער קיסר איז א קיהר — טאמער האט ער אונטערגעשריבען פארן פאלק ישראל א דעקלאראציע, האט ער אויך אונטערגע־שריבען מיט חכמה, ווי ס'שטייט געשרי־בען: „אשר יצר את האדם בחכמה"...

אבער דו האסט דאך אונז אונטער־געשריבען א דעקלאראציע אהן חכמות און אהן דריידלעך, אז דאס לאנד גע־הער צו אונז, צו אונזערע קינדער און קינדס־קינדער...

אוי, טאטע, פארוואס האלטסטו נישט קיין ווארט?...

דו האסט אונז צושפרייט אויף אלע עקען וועלט: מזרח, מערב, דרום, צפון. דו האסט אונז צושאטן אויף רעכטס און אויף לינקס.

די לינקע שרייען—דו יודעלע, ביזט צו רעכטס.

די רעכטע שרייען—דו יודעלע ביזט צו לינקס.

אי, דו — דו — דו
דו דו!

אונקלוס.


40% ביליגער!

די נייעסטע — פאסאנען **מעבעל** פון פאלגענדע מאטעריאלען:

ווענגערסקע יעשאן, ולאטא בושאוע, פיראמידען, זשעברא, מאכאן און יעשאן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאס אלעס ווערט אויס־געפערטיגט ביי דער פירמע **קליין, זשעראמסקי 26**



— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג - יעהריגער פירמע

**ש. שטיינמאן**

ראדאם, לובלינער 21.


# דבורה יאכעט שטרייקט מיט'ן רבונו של עולם...

## א ראש השנה־מעשה — דערצעהלט פון א יוד, וואס זיין ווייב איז אראפ פון דרך הישר.

איך בין דאך נישט קיין היינטיגער און נישט קיין נעכטיגער. איך האב דאך שוין מיטגעמאכט שטרייקען, פאליטישע שטרייקען, עקאנאמישע שטרייקען און פראטעסט שטרייקען. ווער ווייסט דאס נישט, וואס עס איז א שטרייק. נאר פין א שטרייק מיט'ן רבונו של עולם, הער איך צום ערשטען מאל, און ווער מיינט איהר, שטרייקט מיט'ן רבונו של עולם? — מיין ווייב דבורה יאכעט.

איהר תידושט זיך, האז ווי אזוי שטרייקט מען עס מיט'ן רבונו של עולם און ווער. דבורה יאכעט?

איהר מיינט, אז מיין דבורת יאכעט איז חלילה א בונדיסטקע, צו א סא־ציאליסטקע חס ושלום? אך ווי פאלט איהר אויס? זי אין אזוי ווייט פון סא־ציאליזם, ווי א פאליטיקער פון עה־ר־ליכקייט...

איי, ווי קומט צו איהר מיט אמאל שטרייקען, און צו דערצו מיט'ן רבונו של עולם? איז דער תירוץ: — די מא־דעס:

איהר הערט, יודען, ווער ס'האט אויסגעטראכט די מאדעס, זאל קיינמאל פונ'ם סיים נישט ארויסקומען... אויס־געטראכט א מארע בעדער. מיט אמאל זענען אלע ווייבער געווארען „ליידענד" יעדע ליידט אויף אנ'אנדערע חולאת. אלע פאהרען אויף „קוראציע". קיין שטשאווניץ, קיין צאפאט, קיין קריניצע, און אז מ'פאהרט אין די בעדער, נעמט מען זיך קאמפיעלאווע „ספאדענקעס", און אז מ'קומט צוריק פון אזא „קו־ראציע" געהט עס אויס צום מאנ'ס קאפ.

אויך מיין דבורה יאכעט, האט אמאל פערזוכט דעם טעם פון די „קאמ־פיעלאווע ספאדענקעס". און פון די „ספאדענקעס" האב איך נאך ביז היינט צו זינגען און צו זאגען...

איי יואסערע שייכות האבען די „קאמפיעלאווע ספאדענקס" צו מיין ווייב'ס שטרייק? ס'האט שוין יא א שייכות, און גאר א גרויסען שייכות, איהר וועט באלד הערען.

אלע יאהר אין דער צייט, די וואך פאר ראש השנה, זענען מיר, איך און מיין ווייב שטארק בעשעפטיגט; מיין ווייב ביי דער שניידערען און ביי דער מאדיסטקע, און איך — מיט זוכען „שטעט" מיין ווייב האט געהאט אנ'־אויפגאבע, זי זאל אין דער ווייבער־שוהל „קרולעווען" מיט איהר טואלעט, אז די ווייבער זאלען פלאצען פון „זאזדראשנ'ש", אז די מענער זאלען די אויגען ארויסקריכען, און איך האב געהאט א צווייטע אויפגאבע — אויס־צוזוכען „וויגאדנע" „שטעט".

וואס מיין דבורה יאכוועט האט גע־מיינט „וויגאדנע", האב איך שוין גע־וואוסט; נאהענט צו דער מענער־שוהל. ביי אנ „אקאזיע" זאל זי קענען כאפען א „בליק". אויפן „אנטראקט" צווישען שחרית און מוסף, זאל זי קענען ווער־פען אנ'„אייגעל" — אויפ'ן חזן, און דער חזן האט אויך געמוזט זיין א „מאראווע מענשטשיזנע", אנ'„אסאבע" פאר גאט און פאר לייט...

# פון שניידער-צעך אין ראדאם.

זייט א לענגערע צייט איז נישט געווען טעטיג די פערוואלטונג פון שניידער-צעך. עס האט געפעהלט די אנפיהרענדע פערזאן, וועלכע זאל קאנען צוציהען צו דער ארבייט נאך אקטיווע טהוער. צוליב די סבות זענען פארגעקומען אייניגע פערזאמלונגען און אויף דער לעצטער פערזאמלונג איז געוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג און אלס סטארשע פון צעך איז איינשטימיג געוועהלט געווארען פרעזעס פון דאט פון דער קאאפ. האנדוו.-באנק ה' מ. רובינשטיין, וועלכער האט אין זיינער צייט אָרגאניזירט און אנגעפיהרט דעם שניידער-צעך.

פר. רובינשטיין איז בעקאנט אלס גרינדער פון אייניגע האנדוו. אינסטיטוציעס און איבעראל פיהרט ער א אינטענסיווע טעטיגקייט זארגענדיג פאר די ענטוויקלונג פון די אינסטיטוציעס נישט שפארענדיג קיין צייט און מיה.

אין דער פערוואלטונג זענען אריין פאלגענדע פערזאנען:

פר. רובינשטיין מ. (סטארשע), ווארשאווער, שילדמאן און שפילפויגעל (פאדסטארשעס) פוטערמאן, בארבייסמער, זיידמאן, שאפיר, אבאטאווסקי.

אלס פערטרעטער:

טשעכאנאווסקי, פר. קאטליאר, י. ל. ראזענבוים, פאטאושניק און י. י. קארמאן.

אבסערוואטאר.

# פון דער ציונ. ארגאניזאציע אין ראדאם.

שבת דעם 1-טען טאג ראש השנה 7 אז. אוו. וועט פראפ. פ. מושקאטבליטה האלטען א רעפעראט א. ד. ט „זכרנו לחיים".

איינגאנג פאר מיטגלידער פריי.

# איבערראשענדע נייעס פאר די ליבהאבער פון יודישען פאלקס-ליעד און נגינה.

אויף די פילמאליגע ווענדונגען צו די פאפולערע און בעריהמטע פאלקס זינגערין זמירה זעליגפעלד אין מ. קיפניס האבען זיי מסכים געווען צו בעזוכען אויך אונזער שטאדט און וועלען אין גוכען אויפטרעטען אין איינעם פון די היגע גרעסטע זאלען מיט א פייערליכן קאנצערט צו וועלכען זיי גרייטען צו א העכסט אינטערעסאנטען רייכען און נייעם פראגראם פון די פרעכטיגסטע און הארציגסטע לידער פון דער יודישער פאלקס-שאפונג.

אויפ'ן דאזיגען אויסערגעוועהנליכען קאנצערט ווילען די בעליבסטע קינסטלער אויספיהרען צום ערשטען מאל אין ראדאם אויך א רייה רעליגיעזע, כאראקטעריסטישע און הומאריסטישע ימים נוראים'דיגע פאלק'ס לידער וועלכע שטעלען מיט זיך פאר די שענסטע און עכטע פערלען פון יודישען פאלק'ס אוצר.

# ביליגער געווארען די פרייזען פון זייף „יעלען שיכט".

מיט פערגעניגען ווערען מיר געוואהר אז געהענדיג אין דער ריכטונג פון אלגעמיינע פערבילעגירונג פון די פרייזען האט די פירמע שיכט לעוור סא. אין ווארשא שוין פון 6 וואכען אראבגעלאזט די פאבריקס-פרייז פון איהר אויסגעארבייטען זייף פון דער בעקאנטער מארקע „יעלען".

צוליב דער אויסשעפונג פון אלטע זאפאסען זייף „יעלען שיכט" איז יעצט אין דעטייל-פערקויף בעדייטענד ביליגער.

# דער תלמוד געפעלט איהם שוין אויך נישט.

דער מ'שטיינסגעזאגטער שרייבער פון „עכא ראדאמסקע" מיסטער קאסאי געפעלט נעבעך נישט דער תלמוד.

א גרויס „אומגליק" איז געשעהן דעם יודישען פאלק.

הערט רבותי, דאס ארטיקעל אין אונזער צייטונג פאריגע וואך וואו מיר האבען צווישען אנדערס געפרעגט דעם ניי-געבאקענעם „זשורנאליסט" קאסאי פאר וואס ער האט פערקאכט א קאשע מכח עפעס א בריעף וועגען די אנטי-יודישע עקסצעסען אין ראדאם – איז איהם, דעם ניי-ערשיענעם „שמערען" אויפ'ן פאליטישן האריזאנט, נישט געפעלען. און טאקע כ'לעבען, פאר וואס האט ער זיך נישט געזאלט בעליידיגען. עפעס א קלייניגקייט ביי אייך א אינטעליגענט, א סטודענט, א גאנצער גראף מיט אזא שעהנעם קלינגענדיגען נאמען קאסאי-יאבלאנסקי. האט ער טאקע אנגעגארעט די לענדין און איז ארויס מיט לשון אין „עכא" פון היינטיגען מיטוואך, וואו ער בעלעקט זיך אזש פון תענוג. וואס זיין „רעוואלאציע ארטיקעל" „דער אבקלאנג פון מכלומר'שטן פאגראם אויף יודען" האט ארויסגערופן אזא גרויסע אויפרידערונג ביים „קראקאווער קוריער" און ציוניסטישען „היינט".

צו-מייסט בייזערט ער זיך אב אויף אונזער צייטונג און דריקט אויס א „געגיאלן" געדאנק, אז די ארגומענטן שמעקען מיט תלמוד. איהר פערשטעהט, ווען מ'זאגט אזא יונגערמאן, ער זאל זיך נעמען צום בוך און אויסלערנען זיך זיינע לעקציעס און נישט מישען זיך דארט, וואו מ'ברויך נישט, הייסט דאס ביי איהם אזש פערעלטערטע ארגומענטען און אז די שרייבער פון „ראדאמער-לעבען" זענען ערצויגן אויף די קאמענטארן פון תלמוד. אט וואס הייסט לאגיק פון א סטודענט וואס שטודירט יוריספרודענץ, אדוואקאטור. איבריגענס הייסען מיר נישט פון ווען אז דער

---

חטאים, וואס איך האב א גאנץ יאהר געזינדיגט: נישט נאר איך, יעדע יודענע, וואס וויינט און גיסט מיט טרעהרען אויף די מחזור-בלעטלעך, האט וואס צו וויינען... קיין שום יודענע וויינט נישט סתם אזוי, פון פערגעניגען וועגען אז די זעהסט א יודענע, וואס קלאפט אין הארץ אריין ביי „על חטא". האט זי פאר וואס צו קלאפען — א יודענע קלאפט נישט בחנם...

היינט פרעג איך דיך צו וואס דארף איך היי-יאהר געהען אין שוהל אריין? די אלע יאהרען, וואס איך בין יעדען זומער געפאהרען. אמאל קיין צאפאט, א מאל קיין קריניצע, האב איך טאקע נאך אזא „קוראציע" געמוזט געהען אין שוהל אריין, אראפוויינען זיך. בעטען דעם רבונו של עולם ער זאל מיר מוחל זיין מיינע חטאים, וואס איך האב געזינדיגט „במזיד" און „בשוגג" נאך דריי חדשים פליאזשע, האב איך טאקע געמוזט זיך קלאפען אין הארץ אריין „על חטא", אבער היינט? אז א גאנצען זומער בין איך פערשווארצט און פערפינסטערט געווארען אין ראדאם. אז א גאנצען זומער האב איך קיין פליאזשע פאר די אויגען נישט געזעהען — איך פיהל מיך ריין ווי א טויב...

דאס איז איינס. והשנית וואס וואלסטו געוואלט. אז איך זאל געהען אין דער שוהל אריין אין דעם פאר א יעהריגע „שמאטע", די געלע ביילע וועט געהען אין א פונק ניי זיידען קליידעל נאר פון די נארעל אוועק, און איך וועל פלאצען צוקוקענדיג? דאס וועט זי ביי מיר נישט דערלעבען!..

—נו, זאג איך, און דעריבער?

—דעריבער, זאגט זי, אז דער רבונו של עולם, האט געקענט צוקוקען, ווי פייגעל די האלערטשיכע און די גראבע בעקערין האבען זיך „געבאלויעט" אין קריניצע און איך בין געלעגען אין געהאקטע צרות אין גייעם גארטען. אויב די געלע פייגע דארף האבען גייע זיידענע קליידער מיט „אגאנקעס" אין איך דארף דאס צוקוקען און דערדריקט ווערען. אויב דער רבונו של עולם וויל אזוי, גייע איך היי יאהר נישט אין שוהל אריין... ניין, ניין, איך גיי נישט!...

וואס זאל איך א סך מאריך. זיין איך האב געפרובט מיט גוטען און מיט בייזען. האב גערעדט מעדקיש און גרעקיש ס'האט גארנישט געהאלפען. זי איז געבליבען ביי ס'איהריגע, זי שטרייקט מיט'ן —רבונו של עולם, און גענוג!..

און צוליב וואס איז דאס אלץ? צוליב די מאדעס. וואלט אבער מיין דבורה יאכעט נישט געשפירט דעם טעם פון די צאפאטער און פון די קריניצער „קאמפיעלאווע ספאדענקיעס", וואלט זי דאך היי-יאהר נישט געהאט קיין טענות צום רבינו של עולם...

כ'האב דאך שוין געהערט פון פערשידענע שטרייקען. פאליטישע שטרייקען עקאנאמישע שטרייקען, נאר א שטרייק מיט'ן רבונו של עולם, האב איך איצט צום ערשטען מאל...

י. אב—נעק.

דאזיגער „עכא שרייבער“ איז געווארען אזא קנאקער און מבין אויף תלמוד-קאמענטארען. אויב מיר וועלען זיך ער-לויבען צו צווייפלען, צו דער ה׳ קאפאי קאן צומאל א שייטעל יודישע עברי – וועלען מיר אויך נישט זיין קיין אפיקורסים.

אויב ה׳ קאס חכמה׳ט זיך מיט אזא אבגעלאזענע גאוה, אז דער שרייבער פון אונזער צייטונג קאן נישט לייענען קיין פויליש, ערקלערען מיר איהם, אז אויף זיין לשון אין „עכא“ מכח זיין „בעריהמטער ענטדעקונג“ וואס שייך די געשעהע.ישען, האבען מיר גוט פער-שטאנען, אויב נישט צו-פ׳יעל גוט... גיכער האבען מיר א גרונד צו גלויבען אז ער האט נישט פערשטאנען און אפש׳ר גא־נישט געקאנט איבערליי-נען אונזער ארטיקעל אין דער יודישער שפראך און עמיצער האט עס איהם געגעבען אויף א „געלונגענעם“ אופן צו פערשטעהען.

יא. איין זאך פערשטעהען מיר נישט: פון וואנען נעמט זיך צו א יונגעל, וואס איז ערשט נאר וואס ארויספון דער שול-באנק. וואו מ׳האט איהם זיכער געלערנט א ביס׳ל דרך-ארץ. ער זאל נעמען אזא חויכען חוצפה׳דיגען טאהן געגען עלטע-רע מענשען, חייל זיי זענען עלטער.

ס׳איז אונז נאר איין ווינדער, וואס די „עכא“ האט זיך נישט בעזארגט מיט א בעסערען אימפארטער פאר יודישע עניגים און אויסגעקליבען צו ליפערען „יודען-קענעכץ“ און „תלמוד-קענעכץ“ דער ה׳ קאס. וועלכער ווייזט פארלוי-פיג נישט א־ויס קיין גרויס למדנית אויפ׳ן געביעט פון זיין יודיש-קענערי-שען בערוף. אדער קויפען „יודען-קע-נעכץ“ ;ביי דער ערשטער קוועלע, ס׳הייסט ביי א יודען, וואס קאן כאטש לעזען, פערשטעהן, אריענטירען זיך אין יוריש, אדער איינהאנדלען דאס ביי אנ׳אייגענעם, א—לא נאוואטשינסקי, וואס בעזיצט כאטש טאלאנט צו זיין אנ׳אנטיסעמיט. בעגוצען זיך מיט א דאלמעטשער, חעלכער ברויך ערשט אליין א דאלמעטשער און דערצו נאך אזעלכער, וואס ביים בעסטען ווילען קאן ער אפילו קיין אנטיסעמיט אויך נישט זיין -- דאס איז שוין נישט מעשה מוחר מצד דער „עכא“, וואס איז, ווייזט אויס, א בעלן אויף „יודענפריינד-ליכע“ זאכען.

צו אלע זאכען דארף מען האבען פעהיגקייטען און געלענג, אפילו צו אנטיסעמיטישקייט און אזעלכעס בע-זיצט נאך נישט ה׳ קאס. אפשר מיט דער צייט וועט ער זיך „ארויפארבייטען“.

דערוויילי איז ער נאך צו-יונג דערצו. ביז ער וועט א ביסעל עלטער ווערען, ראטען מיר איהם ער זאל דערווייל זיך פערלאזען אויף זיינע עלטערע רבי׳ס ווי ניעמאיעווסקי, יעזשי - אר, נאחא-טשינקי וכ״ו...

**ב. צ.**

■■■

## א בריעף אין דער רעדאקציע.

ג. ה. רעדאקטאר!

מיר בעטען אבצוגעבען פלאץ אין אייער ח. צייטונג פאר פאלגענדע ער-קלערונג:

נאכ׳ן ערשיינען פונם ארטיקעל „אב-קלאנגען פון די מכלומרשטע אנטי-יודישע עקסצעסען אין דער אויסלענדישער פרעסע“ אין דער צייטונג „עכא דא-דאמסקיע“, האבען זיך געלאזט הערען קלאנגען, אז דער מחבר פון דעם אר-טיקעל ה׳ דוד קאפאי איז א מיטגליעד פון יוגענד פערבאנד „מסדה“ אין רא-דאם.

די פערוואלטונג פון „מסדה“ האלט פאר איהר חוב די קלאנגען וועגען ה׳ קאסאי׳ס צוגעהעריגקייט צו „מסדה“ אבצולייקענען.

מיט אכטונג

די פערוואלטונג פון „מסדה“

אין ראדאם.




**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**

General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski

DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE

**ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.**

## „עזרה“ טיילט פראדוקטען אויף ראש-השנה.

טראץ דעם שווערען געלד-קריזיס אין אויך נישט קוקענדיג דערויף וואס די בוסק-אקציע איז נאך נישט געדעקט מאכט „עזרה“ אלע אנשטרענגונגען פונאנדערצוטיילען חלות, רייז, מעהל און ארבעס צווישען עטליכע הינדערטער ארימע פאמיליעס אויף ראש השנה.

## שטאדטישע קאמוניקאציע געהט איבער צו א נייער אונטערנעמונג

שוין אייניגע וואכען ווי ס׳האבען אויפגעהערט קורסירען די שטאדטישע אויטאבוסען פון דער פירמע „אורסוס“. ווי מען הערט זאל איבערנעמען די שטאדטישע קאמוניקאציע א ראדאמער בירגער, וועלכע האנדעלט שוין אינטער מיט דער פירמע „אורסוס“ און דער שטאדט-פערוואלטונג.

א סברה, אז שוין די צווייטע וואך וועלען די אויטאבוסען גלאזט ווערען אין בעוועגונג.

די איין-און-איינציגע בעשטעטיגטע דורכ׳ן מיניסטעריום פאר קולטור און קונסט.

**SZKOŁA MUZYCZNA w Radomiu, Zgodna 8 pod kier. P. GISSERA**

מאכט בעקאנט, דאס די ענזאמענס און דאס פערשרייבען זיך פון נייע שילער און שילערינס פון די קלאסען: פידעל, פארטעפיאן, חיאלאנטשעל א. א. האבען זיך אנגעהויבען און דויערן והטער יעדען טאג פון 10—2 און 6—4

די שילער נעמען אנטייל אין: שול-ארקעסטער, קאמעראל-מוזיק, טעאריע און סאלפעדזש — אומזיסט. — דער פראגראם איז שטרענג איינהייטליך לויט׳ן ווארשאווער רעגירונג׳ס-קאנסערוואטאריום. — די צייגנישען פון דער שולע זענען גילטיג אין אלע העכערע מוזיק-שולען.

די לעקציעס קומען פאר א גאנצען טאג. ביי דער שולע איז פערהאן א ספעציעלע קלאס פאר אנפאנגער.

פאר זעהר בעגאבטע און טאלאנטפולע, אדער נישט-פערמעגליכע שילער — טיילוויזע הנחות.

## מודאות וועגען שטאנד־געריכט אין ראדאם.

אויף די ראדאמער גאסען האבען זיך בעוויזען בעקאנטמאכונגען וועגען איינפיהרען שטאנד־געריכט אויפ'ן גאנצען שטח פון דער פוילישער רעפובליק.

## בעקאנטע יודישע ארטיסטען רעגינא צוקער און צימבאליסט אין ראדאם.

זינטאג ביינאכט מוצאי ראש־השנה וועט אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אויפטרעטען די פאפולערע און טאלאנטפולע ארטיסטין רעגינא צוקער און דער גוט בעקאנטער ארטיסט צימבאליסט. צוזאמען מיט זיי קומט מיט א גרעסערער אנסאמבל' וואס בעשטעהט פון בעדייטענדע ביהנע־כחות.

## דער בודזשעט אויפ'ן יאהר *1931* שוין בעשטעטיגט.

ווי מיר הערען, איז דער קהלה־בודזשעט פון היינטיגען יאהר שוין בעשטעטיגט געווארען און אנגעקומען די טעג אין גמינע.

ווי מען גיעט איבער, זענען א גאנצע רייהע סובסידיעס געשטראכען געווארען דאס זעלבע וואס איז געווען אין יאהר 1929.

## דער גרויסער „זינגער" מיט די קליינע „זינגערלעך"

### אין כאר פון די זינגערלעך זאלען אויך זיין פערמישט ראדאמער אייזען־פאבריקאנטען.

וואס דאס הייסט א זינגער־מאשין דאס ווייסען וואהרשיינליך אלע.

אלע ווייסען אויך, אז די דאזיגע אמעריקאנער פירמע פעדשפרייט איהרע מאשינען אין דער גאנצער וועלט, און אז אומעסום האט זי פיליעס.

האט זיך לעצטענס געמאכט א מעשה, אז אין לאדזער אבטיילונג האבען אנגעהויבען מאסענווייז איינצופליסען אנקלאגעס. אז „זינגער" איז קאליע געווארען און ער מאכט ניי־מאשינען בלויז קאליקעס... מ'קאן אויף זיי נישט מאכען א שטאך ארבייט... ווי מ'ריהרט זיך נאר צו זיי צו — געהען קאפוט... דאס זענען סאַדין־שאכטלען, נישט קיין ניי־מאשינען.

הכלל, האט זיך עס די לאדזער אבטיילונג פונ'ם גרויסען „זינגער" גענומען שטארק צום הארצען — עס האט איהר נישט געפאסט די חרפה פאר לייטען און זי האט זיך אויך מיט דער הילף פון דעם אויספארשונג'ס־אמט גענומען צו א גענויער חקירה ודרישה.

איז ווי שטייט עס דארט: יגעת ומצאת...

האט מען אזוי לאנג געזוכט די סבה פון די עגמת־נפש'ען, ביז מ'האט סוף כל סוף געפונען די שולדיגע.

עס האט זיך נעמליך ארויסגעוויזען, אז אין לאדז געט עס שוין עטליכע יאר אזא מין היימישע נאכמאכעכץ פון אמעריקאנער זינגער־מאשינען.

מ'קויפט־אויף אלטע נייה־מאשינען מ'קלויבט אויס איניגע טיילען, מען פרישט זיי אב, מען לאקירט זיי צו, מען צוואגט זיי אויס, מען מאכט אנדערע טיילען, מען שיקעוועט צו געוויסע טיילען פון ברוך און גוס־אייזען — והלך משה מרדכי, ווי רש"י זאגט, אבי האנדעל שעדל... און בכדי מ'זאל מעהר פדיונ'ען דארף מען דאך פערקויפען ביליג... דער עיקר — ביליג... האט מען אנשטאט דעם פרייז וואס א זינגער־מאשין' קאסט 680 זלאטעס, גענומען 190 און אפילו 160 זל. ס'איז אזוי צו זאגען — פאלג מיך א גאנג.

היינט מי ומי ההולכים — ווער זענען די זינגער־מאכערס? האט זיך ארויסגעוויזען ביי די אויספארשונג, אז די הויכע־מאכער'ס זענען: „זינגער און לאכערמאן" אויף מרדכי גבאי'ס גאס.

אין דער דאזיגער געשיכטע זענען אויך ארייגעצויגען געווארען עטליכע יודישע אייזען־פאבריקאנטען אין ראדאם, וועלכע זאלען האבען אויסגעארבייט די אינטערשטע טיילן צו די נאכגעמאכטע מאשינען, וואס עס האבען ביי זיי בעשטעלט „זינגער און לאכערמאן" פון לאדז.

די ריכטיגע פירמע „זינגער" קלאגט אן די פירמע „זינגער און לאכערמאן" אויף א האלבען מיליאן זלאטעס שאדן־ערזאץ.

## פון ראדאמער ספארט־בעוועגונג.

### „מכבי" — „גוויאזדא" 2:2

פאריגען שבת איז אין אלטען־גארטען פארגעקומען א פריינדשאפטס־מעטש צווישען „מכבי" — „גוויאזדא". נאך א שעהנעם שפיעל פון ביידע דרוזשינעס האט זיך דער מעטש געענדיגט מיט'ן רעזולטאט 2:2 (1:1).

### „יוטשניא" — „בראן" 0:0

צומארגענס איז פארגעקומען אויפ'ן ספארט־פלאץ פון „בראן" א מייסטערשאפטס־מעטש וועגען קלאסע „ב" צווישען די אויבערדערמאנטע קלובען און האט זיך געענדיגט מיט 0:0.


# אכטונג עלטערן!

עס קומט יעצט א ניי שול־יאר און דאריבער שטעלט זיך מן הסתם ביי אייך די פראגע וואס צו טון מיט אייער זון, בכדי ער זאל אויסוואקסן אויף א קולטורעלן בירגער און באוווסטזיניגען יוד. יואס טוט מען? ווו שיקט מען איםז געדענקט אלזא, אז

**די „שול־קולט" שולע** מיט רעגירונגס־רעכט איז די איינציקע נאציאנאל־וועלטליכע יור. שולע אין ראדאם.

**די „שול־קולט" שולע** קומט נישט יעצט מיט נייע הבטחות, ווי אנדערע, נאר קומט שוין מיט מעשים! ס'איז אדורך א יאר פון ארבעט, וועלכע האט גלענצענדע רעזולטאטן געבראכט. די לעצטע קלאסיפיקאציע־עקזאמענס האבן איכפאזאנט באוויזן איהר הויכע פעדאגאגישע מדרגה פון דער לערע און דערציונג.

**די „שול־קולט" שולע** נעמט זייער ערנסט און געוויסענהאפט אירע דערציונגס־אויפגאבן, באמיענדיג זיך, אז דער יידישער פאטער זאל אין די היינטיקע שווערע צייטן כאטש האבן דעם פערגעניגן פון דער גייסטיקער ענטוויקלונג פון זיין קינד.

**די „שול־קולט" שולע** גיט אירע שילער א נאציאנאל־וועלטליכע דערציונג אין פולסטן און ברייטסטן זין פון ווארט. צוזאמען מיט די אלגעמיינע למודים וואס זייער פראגראם אנטשפרעכט 4 קלאסן גימנאזיע ווערן אין דער ברייטסטער מאס געלערנט די יודאאיסטישע למודים, ווי העברעאיש, יידיש, תנ"ך, תלמוד, יוד. געשיכטע א.א.

**עלטערן!** אויב ס'איז אייך טייער דער גורל פון אייערע קינדער שרייבט זיי איין מיטן פולסטן צוטרוי אין דער „שול־קולט" שול.

מיט אכטונג

**עלטערן־קאמיטעט**

**ביי דער „שול־קולט שול"**

בעמערקונג: איינשרייבונגען פון געוועזענע און נייע שילער קומען פאר פון 26־טן שערפיען אין דער שול־קאנצעלאריע (וויטאלדא 7) פון 11 ביז 1 נ. מ.



Biuro Próśb, Odwołań i Windykacji

„REKORD"

RADOM, ul. Rwańska Nr. 21.

**Redaguje** podania i odwołania do sądów, do władz skarbowych i wogóle do wszystkich instytucyj rządowych i samorządowych;

**windykuje** należności wekslowe i otwarte zarówno miejscowe, jak i zamiejscowe;

**zakłada** buchalterję i sporządza bilanse;

**załatwia** korespondencję handlową w języku polskim i w obcych językach;

**przepisuje na maszynach wszelkie dokumenty**

Wszystkie te czynności wykonywane zostają szybko i po cenach przystępnych.

9·90



פאסאָן 9305 03

עלעגאַנטע פּראנעל-פּאַנטאָפּעלקעס, אויף הויכע אָדער האַלב-הויכע אָבצאַסען, זעהר בעקוועם און פּראקטיש.

19·90



פאַסאָן 2945 11

פּראַקטישע און בעקוועמע פּאַנטאָפּעל אויף אַ פּאַסעק פון שוואַרצען אָדער ברוינעם באָקס אויף האַלב הויכע אָבצאַסען.

# Bata

## די גרעסטע שיך-פאבריק אין איירופא

עפענט אין

# RADOM,

## przy ul. ŻEROMSKIEGO 17

# א ג ע ו ו ע ל ב.

מיר עמפּעהלען אונזערע מאָדערנע, דויערהאַפטע, עלעגאַנטע און בעקוועמע שיך צו איינהייטליכע פּרייזען. מיר בעזיצען שטענדיג אין אונזער סקלאַד שיך אין האַלבע נומעראַציעס און עטליכע ברייט-מאָסען, אַ דאַנק, וואָס יעדער איינער האָט די מעגליכקייט צוצוקלויבען זיך אַ געהעריגע פּאָר שיך. די שיך פון דער פירמע „B A T A" טראָגען מיליאָנען מענשען אויף דער גאַנצער וועלט און בלייבען העכסט צופריעדען.

צו יעדען קאָליר שיך — געהעריגע פּאַרב פון זאָקען.

34·90



24·90



16·90



פּאַסאָן 3672 22

פּאָר שול-יונגלעך, געשנאָרעוועטע שיך פון שוואַרצען קאַלבס באָקס שטאַרקע פּאָדעשוועס גומענע אָבצאַסען.

פּאַסאָן 9845 03

עלעגאַנטע און זעהר לייכטע פּאַנטאָפּעל פון שווארצען לאַקיר אָדער ברוינעם זאַמש, ענטשפּרעכענט צום שפּאַציער און וויזיטען.

פּאַסאָן 9837 21

מענער שיך האַלבע, פון לאַקיר, אויף לעדערנע פּאָדעשוועס, עלעגאַנטער און זעהר בעקוועמער פאסאָן.

## ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem mam zaszczyt zawiadomić Sz. Rodziców iż z dniem 1-go Września 1931 r. o t w i e r a m

**KOEDUKACYJNY**

# ZAKŁAD FREBLOWSKI

## i PRZEDSZKOLE

**dla dzieci w odpowiadającym wieku.**

Doskonałe urządzenia techniczne, wzorowa opieka i rutynowane siły pedagogiczne będą dla Sz. Rodziców dostateczną rękojmią sumiennego wykonywania powierzonych mi zadań wychowawczych. Obok języka polskiego, jako wykładowego, będzie również w odpowiadającej mierze wykładany język hebrajski (w czytaniu, śpiewie i piśmie)

Informacyj udziela się w Kancelarji Zakładu, począwszy od dnia 26-go Sierpnia b. r. w godz. 11 — 2 przy ul. **Żeromskiego 12** w podwórzu, ostatnia sień).

Z poważaniem

*R. LANDAU.*

# GAZOWNIA

## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

**קעכלער** גאזאָווע איינס און צוויי פלאמיגע

**קעכלעך** פאַמילינע און האָטעלאָווע

**אייוועלעך** צום באָדען

**אייוועלעך** צום בראָטען

**אייזענס** צום פרעסען פאר פריוואט און פאר שניידער

**הייצערס** צו פריזירער רעדלעך

**„טערמאַ"** אטאָמאטישע אויף צו דערוואַרמען וואסער פאר דאָקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און עהנליכע פראָפעסיעס.

אלערליי ג א ז - אָ פּ א ד א ט ע ן ווערען פערקויפט

——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

די גאזאָווניע פיהרט אויס שטוב - אינסטאַלאציעס

אויף אויסצוצאָהלען אין 12 ראטעס.

די גאַז-אָפּאַראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאדעס פון די גאַזאָווניע אויף מלאָדזשאנאָוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אלע אינפאָרמאציעס ערטיילט די ביורא פון די גאַזאָווניע טעל. 134

# וויכטיג נייעס פאַר קעלי און אומגעגענד!

אין געשעפט פון ה' שיינפעלד (מארק 7 הויז פון פּיאטראווסקי)

איז געעפענט געוואָרען א פיליע פון דער בעקאנטער

## לאדזער וואורשטעז-פאבריק

### סענדער דישקין.

אויס׳ן לאָגער: שטענדיג פרישע און גוטע וואורשטען, — — — — גערויכערטע פליישען א. א. — — — —

ג ל א ט כ ש ר! ב י ל י ג ע פ ר י ז ע ן!


Redaktor CH, M. H E R C

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20